**גוט שבת אלע אידן.** הרב משה זילבער שליט"א איז דער מנהל פונעם סייני אקאדעמי אין ברוקלין ניו יארק, א מוסד וואס דער עיקר ציל דערפון איז צו העלפן אידן וואס זענען ארויסגעקומען פון רוסלאנד. איין טאג האט ר' משה באקומען אן אינטערעסאנטען טעלעפאן קאל פון א געוויסער מרס. ווייס, אן עלטערע רוסישע פרוי. מרס. ווייס'ס זון האט געלערנט אין דעם סייני אקאדעמי, און יעצט האט מרס. ווייס געוואלט מנדב זיין עפעס צו דעם שול לעלוי נשמת אירע מאן וואס איז נישט לאנג פאר דעם נפטר געווארן. "איך האב א ספר תורה צו מנדב זיין," האט מרס. ווייס געזאגט, "און עס איז דא א מוראדיגען מעשה הינטער די ספר תורה."

ר' משה האט איר געפרעגט וואס דער מעשה איז געווען, און דאן האט מרס. ווייס גענומען דערציילן דעם אינטערעסאנטען מעשה.

"איך פלעג וואוינען אין רוסלאנד", האט מרס. ווייס דערציילט, "צו לעבן ווי א איד איז געווען מוראדיג שווער אינטער די רשעים, די קאמוניסטען ימ"ש. עס איז געווען שטארק פארבאטן זיך צו האלטן רעליגיע. די רשעים זענען זייער שטרענג געווען בפרט קעגען אידן. זיי האבן געאסרט אידישקייט. זיי האבן געקוקט אויף אלעס וואס מיר האבן געטון דורך שפיאנען וכו'. זיי האבן פארמאכט די בתי מדרשות און אלע די אידישע חדרים, רח"ל. איינער וואס האט געוואלט בלייבן א איד און האלטן די תורה האט אלעס געדארפט טאהן באהאלטענערהייט. איינער וואס איז נעבאך געכאפט געווארן איז גלייך געשיקט געווארן קיין סיביר, און רוב פון די מענטשן זענען נישט אהיימגעקומען. פאר רוב אידן איז עס נעבאך געווען אוממעגליך אנצוהאלטן אידישקייט אין אזא מצב, ווייל די סכנה איז געווען צו גרויס. נאר יחידים פון אונז אידן זענען געבליבן באהאפטן צו דער הייליגער תורה.

"איין טאג בין איך אריינגעגאנגען צו א שוסטער צו פיקסן מיינע שיך. איך האב געקוקט אויף איינער פון די שענק, און מיין מויל איז פלוצלינג געעפנט געווארן פון רוב איבערראשונג. דארט אויפן שאפע איז געליגען א גרויסן ספר תורה! איך האב געוואוסט אז דער שוסטער איז נישט געווען קיין איד. "פארוואס האסטו יענע זאך?" האב איך אים געפרעגט. "איך האב עס געקויפט ערגעץ. די פארמעט איז מוראדיג שטארק, און איך גיי עס אפשניידן צו מאכן זוילען פאר שיך!"

"אה! איך האב אים נישט געקענט לאזן מבזה זיין א הייליגע ספר תורה. איך האב אים געפרעגט וויפיל ער האט באצאלט פאר דעם ספר תורה, און דאן האב איך אים פארגעשלאגען צו קויפן דעם ספר תורה מיט דאפלעט דעם פרייז. דער גוי האט מסכים געווען און ער האט מיך פארקויפט דעם ספר תורה (איך בין זיכער אז יענער גוי האט זיך געוואונדערט ווייל ער האט נישט געוואוסט וואס איך גיי טון מיט דעם ספר תורה ווייל ער האט געוואוסט אז איך וואלט נישט געמאכט קיין שוך פון דעם!)

איך האב שנעל אהיימגענומען דעם ספר תורה. מען האט עס געלייגט אין איינער פון די בעהאלטענע שולן, וואס האט נישט געהאט פאר דעם קיין ספר תורה. און זיי האבן גענוצט דעם ספר תורה פאר כמעט דרייסיג יאר!

"דאס לעבן איז נישט געווארן בעסער. אסאך אידן האבן פרובירט צו פארלאזן דעם רוסישען גהינום. מיין משפחה און איך האבן אויך פרובירט צו מעלדען צו דעם רעגירונג. עס איז נישט געווען גרינג, אבער מיר האבן סוף כל סוף באקומען רשות ארויסצוקומען פון רוסלאנד. דעמאלט האט יענע שול, וואו דער ספר תורה איז געליגן, נישט געהאט קיין מנין. וואס וועט זיין מיט דעם ספר תורה?

די געזעצן זענען זייער שטרענג געווען, זיי האבן נישט געלאזט אונז ארויסנעמען תשמישי קדושה פון רוסלאנד. דאך האב איך נישט געקענט איבערלאזן דעם ספר תורה וואס וועט זיכער אריינפאלן אין די הענט פון די רשעים. דער ספר תורה איז אזוי גרויס, אז איך האב נישט געוואוסט ווי איך גיי עס קענען ארויסטראגן פון דעם פארשאלטענעם לאנד. אבער, אפילו אזוי, האב איך אפגעמאכט אז איך גיי ארויסנעמען דעם ספר תורה אין יעדען פאל.

דער טאג וואס מען האט געדארפט ארויספארן האט זיך דערנענטערט, און איך האב געטראכט וועגן א וועג ווי אזוי איך גיי עס ארויסטראגן. צום סוף, האב איך גענומען דעם ספר תורה און איך האב עס ארומגעוויקעלט מיט סחורה אין איינער פון מיינע רענצלעך.

מיר זענען געגאנגען צום עירפארט מיט אלע אונזערע זאכן. מיר האבן אנגעקוקט מיט א פחד צו זעהן ווי די פאליציי קוקט אלעס איבער. וועלן די רשעים טרעפן דעם ספר תורה? וועט עס ווערן ח"ו פארלוירן נאכאמאל? וועלן זיי אונז ארעסטירן, און נישט לאזן ארויסקומען פון רוסלאנד נאך אזוי סאך יארן פון ווארטען?

ב"ה אז די פאליציי האבן זיך זייער שטארק געיאגט און זיי האבן אלעס זייער שנעל נאכגעקוקט. זיי האבן לכאורה געמיינט אז די תורה איז א פשוטע קלייד. מיר זענען געווארן שטארק בארוהיגט.

"יעצט ראבי," האט מרס. ווייס דערציילט אויספירנדיג אירע מוראדיגען מעשה. "איך געב עס צו דיר, פאר דעם שול וואו איר און אסאך סייני אקאדעמי בחורים דאווענען. איך בין זיכער אז דו וועסט גוט קעיר נעמען פון עס. דורך דעם וועט עס זיין נאכאמאל אין א שול ווי עס באלאנגט.

רב אהרן גליק, רב פון דעם קאמעניץ שול אין בארא פארק, איז געגאנגען ספעציעל צו מרס. ווייס'ס הויז כדי אויפצונעמען דעם ספר תורה. ער האט עס געברענגט צו סופרים מומחים וואס האבן איבערגעקוקט דעם ספר תורה. זיי האבן געזאגט אז אפילו אז דער ספר תורה איז געווען וועניגסטענס 80 יאר אלט, נאר אפאר פון די אותיות זענען נישט קלאר געווארן. זיי האבן מתקן געווען די אותיות וואס האבן אויסגעפעלט צו פאררעכטן. מרס. ווייס אליינס האט געמאכט דעם מאנטל.

אין שמחת תורה די יאר, האבן זיי געמאכט א שטיקל הכנסת ספר תורה. די גאנצע שול האט זיך געפרייט מיט דעם ספר תורה אין שמחת תורה. סוף כל סוף האט דער ספר תורה געהאט א "היים," אין א ריכטיגע ארון קודש אין א שול.

אין די היינטיגע פרשה ליינט מען וועגן די קרבנות וואס די שבטים האבן געברענגט. באמת זענען אלע קרבנות די זעלבע פאר יעדען שבט. אויב אזוי, פארוואס האט די תורה איבערגעחזרט אזוי סאך ווערטער? דאס ענטפער איז אפשר אזוי: די תורה האט געוואלט אונז לערנען אז אלע אידן קענען אנקומען צו דער זעלבער מדריגה אין עבודת השם. אפילו איינער קומט פון די שבט און אן צווייטער קומט פון אן אנדערען שבט, קען יעדער איינער ווערן א הייליגער איד. אין אונזער מעשה די וואך האט מען געזען ווי א פשוטע רוסישע פרוי וואס האט נישט געוואוסט אסאך וועגן אידישקייט, איז אנגעקומען צו א הויכע מדריגה דורך אירע צדקות און מסירות נפש. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת אירוסיו של נכדו הרב אהרן מנחם מענדל שליט"א בן חתנו הרה"צ רבי אברהם יהושע העשל שליט"א
מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת לידת נינו אצל נכדו הרב ר' איתמר כ"ץ שליט"א, חותנו של בנו הרה"צ רבי יצחק שליט"א
מזל טוב להחתן יעקב יוסף קויפמאן נ"י לרגל שמחת נישואיו בשעטומ"צ • מזל טוב למוה"ר דוד אויסטערליץ הי"ו לרגל שמחת נישואי בנו שמואל אייזיק נ"י
נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים, רחל בת פייגא, דוד צבי מנחם בן חיה שרה בתשח"י
לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**